**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ריכטער מארק מאנטור באשטימט פאר ניו יארק סטעיט אפעלאט דיוויזיע, פערטע דעפארטמענט**

***ריכטער מאנטור וועט זיין דער ערשטער נעיטיוו אמעריקאנער ריכטער צו זיצן אויף די ניו יארק סטעיט אפעלאט דיוויזיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איר באשטימונג פון ריכטער מארק מאנטור פאר די ניו יארק סטעיט אפעלאט דיוויזיע'ס פערטע געריכטליכע (דזשודישעל) דעפארטמענט וואס דינט צענטראל און מערב ניו יארק. ריכטער מאנטור – יעצט א ניו יארק סטעיט סופרים געריכט ריכטער – וועט ווערן דער ערשטער נעיטיוו אמעריקאנער (רויטער אינדיאנער) ריכטער צו זיצן אויף סיי וועלכע פאזיציע אין ניו יארק סטעיט'ס אפעלאט דיוויזיע.

"ריכטער מארק מאנטור האט א טאלאנטירטער לעגאלע קאפ וואס ברענגט א דורכגעטראכטע צוגאנג צו די גערעכטיגקייט סיסטעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז מיר אן עהרע צו באשטימען ריכטער מאנטור פאר די אפעלאט דיוויזיע, פערטע דעפארטמענט, און איך גראטולירט אים פארן מאכן היסטאריע אלץ דער ערשטער נעיטיוו אמעריקאנער ריכטער צו דינען אויף דעם ראלע."

ריכטער מארק מאנטור איז באשטימט געווארן צו די פערטע דעפארטמענט פון די אפעלאט דיוויזיע. ער האט געדינט אלץ א ניו יארק סטעיט סופרים געריכט ריכטער און איז ערוויילט געווארן צו זיין פאזיציע אין 2013. ריכטער מאנטור איז אין די פארגאנגענהייט געווען דער צייטווייליגער אדמיניסטראטיווער ריכטער פאר די אכטע געריכטליכע דיסטירקט און דער סופערווייזינג ריכטער פאר דזשענעסי און ווייאָומינג קאַונטי, טאון און ווילעדזש געריכטן. ער איז אן איינגעשריבענער מיטגליד פון די סעינט רעדזשיס מאָוהאק אינדיאנער פאלק (St. Regis Mohawk Indian Nation) און איז אנערקענט אויף די Kahnawake Kanien'keha:ka רעגיסטראטור. ריכטער מאנטור איז געווען דער ערשטער נעיטיוו אמעריקאנער צו ערוויילט ווערן צו א סטעיט-שטאפל ריכטער פאזיציע אין ניו יארק סטעיט. ער איז אויך דער פארזיצער פון די ניו יארק סטעיט שבטים געריכטן קאמיטע (Tribal Courts Committee), סטעיט פארמיטלער (פעסיליטעיטאר) פאר ניו יארק-פעדעראל-סטעיט און שבטים געריכטן און אינדיאנע פעלקער גערעכטיגקייט פארום, און ער איז א מיטגליד פון די אדווייזארי קאמיטע אויף געריכטליכע עטיק.

די געריכטליכע אונטערזוכונג קאמיטע (Judicial Screening Committee) פאר די אפעלאט דיוויזיע, פערטע דעפארטמענט, האט איבערגעקוקט אפליקאציעס און דורכגעפירט אינטערוויוס מיט צענדליגע אפליקאנטן. נאר די אפליקאנטן וועלכע ווערן באשטימט צו זיין "גאר קוואליפיצירט" דורך די קאמיטעען ווערן ווייטער געשיקט צו די גאווערנער זיי צו נעמען אין באטראכט. גערעכנט צו ווערן 'הויך קוואליפיצירט', מוזן קאנדידאטן ארויסווייזן אויפריכטיגקייט, זעלבסטשטענדיגקייט, פירערשאפט, אינטעליגענץ, לעגאלע פעאיגקייט, פארשטאנד, שטימונג און ערפארונג.

אונטער דער ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע און יורידישע געזעץ, האט די גאווערנער די מאכט צו באשטימען ריכטער צו יעדע אפעלאט אפטיילונג פון צווישן די וועלכע זענען ערוויילט געווארן אלס ריכטערן פון דעם הויכן געריכט. די באשטימונגען זענען נישט אונטערגעווארפן סענאט באשטעטיגונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418